67 ELIZABETH ST.

TORONTO DAILY HEBREW JOURNAL

# דער אידישער זשורנאל

PHONE MAIN 4581

VOLUME III. No 462 — Toronto, Tuesday January 26th, 1915 — דינסטאג דעם 26־טען יאנואר 1915 — PRICE: 1 CENT

A. S. Freidus, c/o The New York Public Library, 476 Fifth Ave. New York, U.S.A.

# נייע בלוטיגע שלאכטען ארום טא־מאשעוו און אין דער בוקאווינא

## רוסען זאגען אז זיי דערנעהענטערען זיך צו לאדן

## עסטרייך מעלדעט וועגען רוסישע מפלות

## דייטשען רעגענען אויף ווארשא באמבעס און פראקלאמאציעס

דזשאהן פ. באסס, דער קארעספאנדענט פון דער שיקאגאר "דיילי ניוס" און טאראנטאר "סטאר" שרייבט אין זיין לעצטען טעלעגראפישען בריעף פון בלאניע (ביי ווארשא), אז די דייטשען ווארפען ארונטער אויף ווארשא פון עראפליינס באמבעס און פראקלאמאציעס.

אין די פראקלאמאציעס ווערט פערשפראכען יעדען רוסישען סאלדאט, וואס גיט זיך איבער מיט דער ביקס א מתנה פון פינף רובעל.

אין דער פראקלאמאציע ווערען אויך אויפגעפאדערט די מחמאנער פון דער רוסישער ארמיי צו העלפען טערקיי אין איהר היילינער קריעג.

וועגען דער לאגע ביי ווארשא, שרייבט דער קארעספאנדענט, אז די דייטשע קאמ־...

...צווישען די טייכען ווימלאקא און יאסיאלק (ארום 30 מייל פון דעם דונאיעץ) פיהרט יעצט דער עסטרייכישער גענעראל בראדזשעוויטש אן אטאקעס, אום דורכצושלאגען זיך אוועג צו פשעמישעל און העלפען אזוי דיזע עסטרייכישע פעסטונג.

אויסער דיזע שלאכטען קומען אויך פאר שלאכטען מיט די עסטרייכישע ארמייען אין ראדאמער און קעלצער גובערניעס, און ביי דער ליניע איגאוו־לאדז צווישען קאנסק און סאבקאוו, וואו די ארטילעריע איז זעהר טהעטיג.

אויב אין דיזען טהייל פון פוילען איז יעצט דער קאמפף אין פולען גאנג, האט זיך אבער די לאגע גאר ניט געביטען אין צפון פוילען. דארטען פערטהיידיגען זיך יעצט די דייטשען צווישען ראדזאנא־...

### גענעראל פאו פאהרט נאך פוילען

פאריז יאנואר 25.

דא איז אפיציעל אנאנסירט געווארען, אז גענעראל פאול פאו, דער בעריהמטער פראנצויזישער העלד, פון הער פראנצויזיש־פרייסישער קריעג, און גענעראל מיט איין ארעם, וועט אין קורצען אבפאהרען קיין פוילען אום דארט צו דעקארירען דעם גרויספירשט ניקאלאי, דעם רוסישען קאמאנדיר מיט א מיליטערישען ארדען.

גענעראל פאאו איז ביז יעצט געווען דער פיהרער פון דער ארמיי אין עלזאס און ער איז יעצט פערביטען געווארען פון גענעראל גאליעני, דער מיליטערישער גובערנאטאר פון פאריז.

### ראקפעלער פאר טרייד־יוניאנס

ניו יארק יאנואר 25.

דזשאהן ד. ראקפעלער דזשוניאר, האט היינט ערקלעהרט פאר דער פעדעראל קאמישאן, וואס אונטערזוכט די מענעדזש...

# בערלין גיט צו אז קיעלץ איז ביי די רוסען

בערלין (דורך אמסטערדאם) יאנואר 25.

דער הויפט אינטערעס פון דער שלאכט אין פוילען, איז דא יעצט געווידמעט צו דרום פוילען, וואו די רוסען זיינען פערשטארקט געווארען. און געוואונען פיעל בארען.

די דייטשע ארמייען האבען געמוזט אבלעדיגען אפאטשנא און קיעלץ, און צוריקציהען זיך צום טייך פיליצא.

די רוסען פהרען יעצט אן שארפע אטאקעס צווישען אפאטשנא און טאמאשעוו, און ווי אונאפיציעלע בעריכטען מעלדען, האבען די רוסען גענומען פערנומען דעם הארף וויינסענטינאוו, אבער עס איז שפעטער צוריק אבגענומען געווארען.

דער "בערלינער כאנבלאט" דרוקט אן אפיציעלען סטייטמענט, אין וועלכען עס ווערט אבגעלייקענט דער רוסישער בעריכט, אז זי האט פערנומען 1,140 דייטשע אפיצירען און 134,700 סאלדאטען.

דער פערלוסט פון דער דייטשער ארמיי אין פוילען איז בלויז 15 פראצענט פון צוויי הונדערט טויזענד.

דער אויבענדערמאהנטער סומע, ווערט אין דעם סטייטמענט אנגעגעבען.

דער צאהל פון די דייטשע פערוואונדעטע, געהרגעטע, קראנקע און געפאנגענע סאלדאטען, בעטרעפט ניט פיעל מעהר ווי די צאהל געפאנגענע פון די עלייעס וואס דייטשלאנד האט.

פעטראגראד יאנואר 21.

דער אפיציעלער רעגירונגס ארגאן, רעדענדיג וועגען דעם בעריכט פון די לאנדאנער צייטונגען, אז זינד די צווייטע דייטשע אטאקע אויף ווארשא, האבען ביידע ארמייען אין פוילען פערלארען 370 טויזענד מענשען, פון זיי דייטשלאנד 220,000, גיט צו אז דאס איז בלויז א העלפט פון דער ווירקליכקייט.

דער פעטראגראדער קארעספאנדענט פון דער לאנדאנער "פאסט" מעלדעט, אז האלב אפיציעל ווערט צוגעגעבען אז אין פוילען זיינען שוין אומגעקומען ביי 600 טויזענד מענשען, און פון זיי האבען די דייטשען ביי דער בזשורא אליין פערלארען צוויי הונדערט טויזענד.

# אידישער אלדערמאן נעמט זיך אן פאר אידען

שבת קענען זיי מאנטאג אויך קיין ארבייט ניט בעקומען.

ביים נעכטיגען קאנסול מיטינג האט אלדערמאן זינגער אויפגעהויבען דיזע פראגע, ער האט אנגעוויזען דאס עס מאר ניט געמאכט ווערען קיין דיסקרימיניישאן צווישען איד און קריסט, און אזוי ווי די אפישעלס פון דער עמפלאימענט ביורא קענען זיך מיט מאנכע אידען ניט צוזאמענריידען, דעריבער זאל אפאינטעט ווערען א אידישער אינטערפרעטאר וועלכער זאל אויפפאסען אויף דעם.

דער פארשלאג פון אלדערמאן זינגער איז ניט אנגענומען געווארען, נור די פראגע איז איבערגעגעבען געווארען צו דער באארד אף קאנטראל, זי זאל עס פערהאנדלען אזוי שנעל ווי מעגליך.

עס איז העכסט ערפרעהענד וואס אלדערמאן זינגער האט ענדליך געטהאן זיין פליכט צו די אידישע ארבייטסלאזע, הלוואי זאל ער דיזע ארבייט פארזעצען וועט ער קריגען דעם דאנק פון הונדערטער ארימע פאמיליען און דעם רעספעקט פון אלע אנדערע אידען אין שטאדט.

פארידער לעצטער צייט זיינען פיעלע קאמפליינס אריינגעקומען צו אונז און צו מר. גוראפסקין פון אידישען צענטער וועלכע האבען זיך פערשריבען אין דער סיוויק עמפלאימענט ביורא דאס מען מאכט געגען זיי א אויסנאהמע דאס הייסט, נוען די שטארט האט ארבייט, ווי שארען שנעע און אזוי ווייטער, גיטיטנעמי זיי. נור די קריסטען טראצדעם וואס עס איז זייער נעקסט.

מאנכעם מאהל פטרט מען זיי אב מיט פערשיעדענע תירוצים. ווי זיי זאלען ברענגען זייערע סיטיזען פייפערס אדער מען רערצעהלט זיי, אז מען וועט שיקען אינספעקטארען וועלכע וועלען אונטערזוכען און אויסגעפינען אויב זיי פערנעהמען זיך ניט מיט קיין אנדערע ארבייטען און זענען ווירקליך ארבייטסלאז.

די בעאמטע פון דער סיוויק עמפלאימענט ביורא האבען זיך זאגאר ניט געשעהמט צו זאגען אנדערע אידען דאס אויב זיי זיינען ניט געקומען נאך ארבייט

# האבען שוין די טאראנטאר מענופעקטשורערס מיליטערישע ארדערס

# דייטשלאנד קאנפיסקירט דאס גאנצע ווייץ

# רענקט אז עס איז א ווייץ און ווערט געשאסען

# עמיל נערליך ערקלעהרט זיך ניט שולדיג

### 400 אייטאמאבילען פערניכטעט פון ענגלישע באמבעס

### זעהר אינטערעסאנט

### רוסישע קאזאקען אין סערביען?

### איטאליען און די מלחמה

אין ליריק טהעאטער שפילט מען מארגען מיטוואך דעם 27־טען

# דיתומה

פון יעקב גארדין — ליידיס נאכט